ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קב הישר
# בהעלותך

אידיש

**836**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק עא-עב

## • בהעלותך •

## אין די פרקים ווערן ערקלערט:

אַ טעם פאַרוואָס מען גייט אויף קברי אבות אין טאָג פון אַ יאָרצייט. - ווען די נשמות הערן די תפילות פון די לעבעדיגע, זענען זיי מעורר די אבות מתפלל צו זיין פאַר זיי. - אַ הייליקער גוףליידט נישט פון קיין ווערים אין קבר, נאָר קומט גלייך אַרויף אין גן עדן. - ווען דער מענטש באַקומט אַ גוטע מחשבה, איז פאַר אים אַן עת רצון. - אַ מעשה פון זוהר וועגן רבי שמעון בן יוחאי. - דער מענטש זאָל נישט דערמאַנען זיין נאָמען ביים דאַווענען, אויב עס איז אַ זמן פון שליטת הדין ח״ו.

דער שכר פון תינוקות של בית רבן. - די מלמדים דאַרפן געדענקען אַז די שכינה רוהט שטענדיק אַנטקעגן זיי, און זייער צימער זאָל זיין ריין. - אַ מעשה פון זוהר. - מען דאַרף מתפלל זיין פאַר די תינוקות של בית רבן, זיי זאָלן געראַטעוועט ווערן פון יעדע שלעכטע זאַך. - הנהגות ווען דאָס קינד דאַרף גיין אין חדר צום ערשטן מאָל. - דער מענטש וואָס איז קינדערלאָז ל״ע, זאָל מגדל זיין אַ יתום אין זיין הויז. - מ׳זאָל אָפּזונדערן אַ שיינעם צימער אין דער היים צום לערנען.

# ארחות חיים להרא"ש ז"ל

לבטוח בה' בכל לבבך ולהאמין בהשגחתו הפרטית ובזה תקיים בלבבך היחוד השלם בהאמין בו כי עיניו משוטטות בכל הארץ ועיניו על כל דרכי איש ובוחן לב וחוקר כליות כי מי שאינו מאמין אשר הוצאתיך מארץ מצרים אף באנכי ה' אלקיך אינו מאמין ואין זה יחוד שלם

כי זה הוא סגולת ישראל על כל העמים,

וזה יסוד כל התורה כולה.

# אינהאלט
## פון פרקים ע״א - ע״ב


א. דער מנהג מתפלל צו זיין אויף קברי אבות און זייער יאָרצייט, און דער תועלת דערפון. ..... ה

ב. די נשמות פון די צדיקים הערן די צער פון אידישע קינדער, און זיי זענען מתפלל אויף זיי ..... ה

ג. די נשמה פון מענטש קלאָגט לאחר מאה ועשרים ווען זי איז נישט זוכה אריינצוגיין אין גן עדן ..... ו

ד. דער שכר פון די הייליגע נשמות וואָס זענען יאָ זוכה צו עולם הבא ..... ו

ה. זיי שטייען אויף די קברים און געבן אָפּ אַן שבח והודיה צום אייבערשטן ברוך הוא ..... ז

ו. דער שכר פון צדיקים, אַז זייערע ביינער זאָגן שירות ותשבחות נאָכן טויט ..... ז

ז. וואָס ס'איז מרמז פאַרן מענטש אַ גוטע מחשבה צו דינען דעם אייבערשטן, און פאַרקערט חס ושלום, מחשבות פון טרויעריגקייט ..... ז

ח. אַ מעשה פון הייליגן תנא ר' שמעון בן יוחאי מיט זיין זון ר' אלעזר, ווי אזוי זיי האָבן מבטל געווען אַ שלעכטע גזירה. ..... ח

ט. ווילאַנג ר' שמעון בן יוחאי איז געווען אויף דער וועלט, האָבן נישט געוועלטיגט מזיקים און משחיתים,וויל זיין זכות האָט באַשיצט די גאַנצע וועלט ..... ט

י. היינטיגע דורות ווען מיר האָבן נישט אזעלעכע גרויסע צדיקים, ברויכן די ערליכע אידן מתפלל זיין פאַרן דור ..... ט

יא. וואָס מען ברויך אַכטונג צו געבן אַז מען זאָל גראַטעוועט ווערן פון אַלעם בייזן רח״ל. ..... י

יב. ווען מען איז מתפלל זאָל מען נישט מתפלל זיין אויף זיך אַליין, נאָר זיך איינשליסן אין כלל ישראל. ..... יא

**יג.** ווען אַ מענטש טראַכט כסדר ווערגן זיין סוף, וועט ער מצליח זיין אין עבודת השם זוכה צו זיין לחיי עולם הבא.......... יא

**יד.** אין פרק ע״ב ווערט דערקלערט: אַז די שכינה רוהט אין אַ פלאַץ וואו קליינע קינדער לערנען תורה.......... יג

**טו.** קליינע קינדער בשעתן לערנען שפּאַלטן הימלען.......... יג

**טז.** לימוד התורה פאַר קליינע קינדער זענען מציל די מלמד פון אַן עונש פון גהינם.......... יג

**יז.** די חיוב פון מתפלל צו זיין אויף קליינע קינדער.......... טו

**יח.** דער סדר היום ווען מען פירט דאָס קינד אין חדר.......... טו

**יט.** דער פאָטער און די מוטער זאָלן צודעקן דאָס קינד ער זאָל נישט זעהן קיין טמאינע זאַכן.......... טז

**כ.** נאָכן תענית זאָל ער מאַכן אַ סעודה פאַר אָרימעלייט און געבן צדקה לויט ווי פיהל ער פאַרמאגט.......... טז

**כא.** דער שכר פון דער וואָס ערציט אַ יתום ביי זיך אינדערהיים.......... יז

**כב.** הוספה לפרק עב.......... יח

**כג.** דער הייליגער באַרדיטשעווער מיטן הייליגן רבי מענדעלע וויטעבסקער מיטן בעל התניא זי״ע זענען זיך מוסר נפש צו ראַטעווען אַ יתום מיט אַ יתומה.......... יח

# פרק ע״א

## דער מנהג מתפלל צו זיין אויף קברי אבות און זייער יאָרצייט, און דער תועלת דערפון.

**א. בשעת,** ווען משה רבינו האָט געשיקט די מרגלים אויסשפּיאָנירן ארץ ישראל, שטייט אין פסוק (במדבר יג, כב) "וַיָּבוֹא כָּלֵב עַד חֶבְרוֹן", און כלב איז געקומען ביז חברון, זאָגט רש״י, אַז כלב איז געגאַנגען אויף די קברים פון אברהם יצחק און יעקב וואָס זיי ליגן אין חברון, מתפלל זיין דאָרטן אַז ער זאָל געראַטעוועט ווערן פון די עצה פון די מרגלים. פון דעם נעמט זיך דער גוטער מנהג ביי אידן וואָס מיר גייען אויף קברי אבות מתפלל זיין אין טאָג פון זייער יאָרצייט.

## די נשמות פון די צדיקים הערן די צער פון אידישע קינדער, און זיי זענען מתפלל אויף זיי

**ב. ואף,** און כאָטש ס'איז פאַרהאַנען אַזעלעכע וואָס זייערע עלטערן ליגן נישט אין שטאָט וואו ער וואוינט, פונדעסטוועגן אַז ער גייט אויף אַנדערע קברי ישראל מתפלל זיין, ווערן פאָרט אַלע נשמות אין גן עדן דערוועקט דורך די תפלה וואָס ער איז מתפלל אויף די קברים, ווייל השי״ת האָט אַזוי גוזר, געווען אַז די נשמות פון צדיקים זאָלן זיך געפינען אויפן בית החיים צוליב די טובה פון די אידישע קינדער אַז זיי זאָלן הערן די תפלות און געבעטן פון די אידן וואָס קומען מתפלל זיין אויף די קברים, און יעדער וואָס האָט עפּעס אַ צער זאָל קומען אויף די קברים פון זיינע עלטערן אָדער אויף אַנדערע קברים, און צו וויסן טון זיין צער פאַר די נשמות.

**ג. כי,** ווייל ווען די נשמות הערן די תפלות פון די לעבעדיגע וואָס זענען מתפלל אויף זייער צער, גייען זיי דעמאָלטס אַרויף און זענען דאָס מודיע פאַר די רוחות וואָס געפינען זיך אין גן עדן התחתון, און די רוחות גייען און זענען דאָס מודיע צו די נשמות פון גן עדן

העליון, און די נשמות דערוועקן די אבות פון ארץ ישראל, און דאָרטן בוקן זיי זיך פאַרן כסא הכבוד און זענען מתפלל אויף די לעבעדיגע.

## די נשמה פון מענטש קלאָגט לאחר מאה ועשרים ווען זי איז נישט זוכה אריינצוגיין אין גן עדן

**ד. אכן,** אָבער טאָמער די נשמה איז נאָך נישט זוכה צו קומען אויף איר פלאץ אין גן עדן העליון, און זי איז נאָך אַרויס געשטויסן פון דעם הייליגן היכל און איז נע ונד, דעמאָלטס זענען דער רוח מיטן נפש אויך נע ונד, און אַלעמאָל קומט דער נפש מיטן רוח אין קבר אַריין און זעהן ווי דער גוף איז אַרום גערינגעלט מיט ווערים און זיין מויל איז אָפן און ווערים באַלבאַטעווען איבער אים, און זיינע געדערים זענען פול מיט ווערים, דעמאָלטס טוט די נשמה קלאָגן אויפן גוף.

## דער שכר פון די הייליגע נשמות וואָס זענען יאָ זוכה צו עולם הבא

**ה. מה שאין כן,** אָבער אַז דער גוף איז אַ הייליגער גוף, ווערט דעמאָלטס די פלייש תיכף פאַרלענדעט דורך די ערד, און זיין גוף מיט זיין פלייש ווערן תיכף ערד און אַש, און קיין שום ווערים עסן אים נישט, און ער ליידט נישט קיין שום צער פון די ווערים, דאָס איז דער שכר פון זיין גוף, און די שכר פון די נשמה איז, אַז זי קומט תיכף אריין אין גן עדן העליון, און דער רוח קומט אַריין תיכף אין גן עדן התחתון, און יעדן שבת און ראש חודש גייט דער רוח אַרויף אין גן עדן העליון צו די נשמה און קומט אַראָפּ מוצאי שבת, און מוצאי יום טוב, און מוצאי ראש חודש, מיט גרויס הייליגקייט און ריין שיין און ליכטיג, און דעמאָלטס גייט אַרויף דער נפש און איז אויך מקבל פון דאָזיגן שיין און ליכט וואָס דער רוח האָט מקבל געווען פון די נשמה אין גן עדן העליון.

## זיי שטייען אויף די קברים און געבן אָפּ אַן שבח והודיה צום אייבערשטן ברוך הוא

**ו. ואז,** און דעמאָלטס נידערט דער נפש און גייט אַריין אין קבר און נעמט דאָס געשטאַלט וואָס דער גוף האָט געהאַט ביים לעבן אויף דער וועלט, און קליידט זיך אָן אין דעם געשטאַלט, ממש גלייך ווי ער איז געווען ביי זיין לעבן, און זיי שטייען אויף די קברים און געבן אָפּ אַן שבח והודיה צום אייבערשטן ברוך הוא, אויף דער גרויסער מעלה פון די ליכטיגקייט פון דער נשמה, און דאָס לויטערקייט פון זייער פנים לייכט מיט גרויס ליכטיגקייט, און דעמאָלטס מערן זיי מיט שירות ותשבחות צום אייבערשטן ברוך הוא ממש ווי זיי זענען געווען ביי זייער לעבן געוועבט מיט די ביינער מיט זייער געשטאַלט.

## דער שכר פון צדיקים, אַז זייערע ביינער זאָגן שירות ותשבחות נאָכן טויט

**ז. ואילו,** און ווען די מענטשן זאָלן האָבן רשות זיי צו זען, וואָלטן זיי אַלע מוצאי שבת און מוצאי יום טוב און מוצאי ראש חודש זיי געזען אין דעם געשטאַלט ווי גוף'ן (געשטאַלטן) שטייען אויף די קברים און זאָגן שירות ותשבחות צום אייבערשטן, דעריבער האָט דוד המלך געזאָגט (תהלים ל"ה, י') "כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה, ה' מִי כָמוֹךָ", אַלע מיינע ביינער וועלן זאָגן: גאָט, ווער איז דיין גלייכן, דאָס האָט ער געמיינט, אַז נאָכן טויט זאָגן די ביינער פון די מתים שירות ותשבחות אַלע מוצאי שבת און מוצאי יום טוב און מוצאי ראש חודש.

## וואָס ס'איז מרמז פאַרן מענטש אַ גוטע מחשבה צו דינען דעם אייבערשטן, און פאַרקערט חס ושלום, מחשבות פון טרויעריגקייט

**ח. וגם,** אויך דאַרף דער מענטש וויסן, דאָס בשעת ער לעבט דערוועקט אויך די נשמה זיין האַרץ צו גאָט'ס דינסט, און דו

זאָלסט וויסן אַז ווען עס קומט פלוצלינג אַ גוטע מחשבה אין מענטשענס האַרץ ער זאָל דינען דעם אייבערשטן און לערנען תורה אָדער אַ מצוה טאָן, זאָל ער וויסן אַז דעמאָלטס איז אַן עת רצון מתפלל זיין, און די תפלה וועט זיין באַהאָפטן אינעם היכל פונעם אייבערשטן ברוך הוא, און ווי באַלד ס'איז אַמאָל פאַרהאַנען אַ צייט וואָס דער מענטש איז טרויעריג, זאָל ער וויסן אַז עס וועט אויף אים קומען חס ושלום אַ בייזע גזירה, אָדער אויף זיינע קרובים אָדער אויף די גאַנצע וועלט חס ושלום, וויל על פי רוב גייען אַרויס די כרוזים און רופן אויס און דערוועקן די הערצער פון די מענטשן, ווייל דאָס האַרץ ווייסט דאָס ביטערקייט פון זיין גייסט, כאָטש מיט די אויערן האָט ער נישט געהערט די גזירה, דאָך ווייסט שוין דאָס האַרץ, דעריבער אַז דער מענטש וועט נישט מתפלל זיין תיכף, קען די גזירה חס ושלום קומען, דעריבער, זאָל דער מענטש זיך מזרז זיין און תיכף בעטן גאָט מיט טרערן ער זאָל אויף אים די גזירה נישט ברענגען.

**אַ מעשה פון הייליגן תנא ר' שמעון בן יוחאי מיט זיין זון ר' אלעזר, ווי אזוי זיי האָבן מבטל געווען אַ שלעכטע גזירה.**

**ט. כמבואר**, אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש, פרשת קדושים (טו, א): אַ געוויסער טאָג איז רבי שמעון בן יוחאי געזעצן ביים טויער פון דער שטאָט לוד, האָט ער אויף געהויבן זיינע אויגן און האָט געזען ווי די זון לייכט שיין און דערנאָך ווערט זי פינסטער און דערנאָך שיינט זי ווידער און אזוי איז געווען דריי מאָל, דערנאָך איז זי ווידער פינסטער געוואָרן, און עס איז געזען געוואָרן אין די זון שוואַרצקייט און גרין, האָט רבי שמעון געזאָגט צו זיין זון רבי אלעזר, קום נאָך מיר, און לאָמיר זען וואָס דאָס איז, ווייל עס איז זיכער נגזר געוואָרן אַ גזירה און גאָט ברוך הוא וויל אונז דאָס מודיע זיין, ווייל די גזירה הענגט זיכער נאָך דריי טעג, וועלן מיר עס נאָך קענען מבטל זיין.

**י. עד,** ווי זיי זענען אַזוי געגאַנגען זענען זיי אַריין אין אַ ווייַן גאָרטן, האָבן זיי געזען אַז אַ שלאַנג קומט און זיין מויל איז אָפען און שאַרט מיט די צונג אין די ערד, און ער שאָקעלט מיט זיין צינג, האָט רבי שמעון בן יוחאי פאַרשטאַנען אַז דער שלאַנג וויל דערוועקן דעם "נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי" וואָס דאָס איז דער סמ"ך מ"ם מיט די לילי"ת הרשעה, דאָס זיי זאָלן דערוועקן שלעכטע גזירות אויף דער וועלט, האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט צו דעם שלאַנג, שלאַנג גיי און זאָג צום שלאַנג וואָס ער ווערט גערופן "נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי" אַז רבי שמעון בן יוחאי איז פאַרהאַנען אויף דער וועלט.

## ווילאַנג ר' שמעון בן יוחאי איז געווען אויף דער וועלט, האָבן נישט געוועלטיגט מזיקים און משחיתים, וויל זיין זכות האָט באַשיצט די גאַנצע וועלט

**יא. עייליה,** האָט רבי שמעון בן יוחאי אַריינגעלייגט דעם קאָפּ פונעם שלאַנג אין אַ לאָך אין דער ערד, און האָט געזאָגט, איך בין גוזר דאָס אַזוי ווי דער שלאַנג דאָ האָט זיך צוריק געקערט אין לאָך פון דער ערד, אַזוי זאָל דער "נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי" זיך צוריק קערן צום לאָך פונעם תהום רבה. האָבן רבי שמעון מיט רבי אלעזר מתפלל געווען אַז די גזירה זאָל בטל ווערן, האָבן זיי געהערט אַ קול וואָס האָט געזאָגט, מזיקים, משחיתים, וואָס זענט איר אַרויס געגאַנגען צו ברענגען די שלעכטע גזירה אויף דער וועלט גייט צוריק צו אַייער אָרט, ווייל רבי שמעון בן יוחאי געפינט זיך אויף דער וועלט, און זיין זכות טוט באַשיצן אויף די גאַנצע וועלט דעריבער איז די גזירה בטל געוואָרן.

## היינטיגע דורות ווען מיר האָבן נישט אַזעלעכע גרויסע צדיקים, ברויכן די ערליכע אידן מתפלל זיין פאַרן דור

**יב. ודע,** זאָלסט וויסן, אַז כאָטש אין היינטיגע דורות האָבן מיר נישט אַזאַ צדיק ווי רבי שמעון בן יוחאי, וואָס ער זאָל

קענען מבטל זיין שלעכטע גזירות פון הימל, פונדעסטוועגן האָט זיך דער חסד פון גאָט ברוך הוא ארויסגעגעבן פון הימל נישט אויס געלאָזט, יעדן דור און באַלד ווי עס ווערט אַ גזירה חס ושלום רופן תיכף די אויבערשטע שלוחים אויס די גזירה און מאַכן הערן דאָס קול דורך די קינדער, און זיי זאָגן נביאות און ווייסן נישט וואָס זיי זאָגן, טוט גאָט ברוך הוא דערוועקן דאָס האַרץ פון די צדיקים און ערליכע אידן פון דעם דור, זאָלן מתפלל זיין פאַרן דור. און ווען עס דערוועקן זיך שלעכטע גזירות אויף דער וועלט, ווערן דעמאָלטס די שלוחים פאַרשפּרייט אויף דער וועלט און רופן אויס די גזירה און די מזיקים און משחיתים ווערן געשיקט און ברענגען עפּעס אַ שוואַכקייט אויף דער וועלט רחמנא ליצלן אָדער אַנדערע שלעכטע זאַכן רחמנא ליצלן.

## וואָס מען ברויך אַכטונג צו געבן אַז מען זאָל געראַטעוועט ווערן פון אַלעם בייזן רח״ל.

**יג. ואז,** און דעמאָלטס איז גוט פאַרן מענטשן ער זאָל זיך נישט ווייזן אויף דער גאַס, ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש פרשת נח (סט,א) וויבאַלד עס ווערט געגעבן רשות פאַרן משחית חס ושלום, האָט ער רשות צו שעדיגן די מענטשן וואָס גייען שטענדיג אויפן גאַס, דעריבער מוז דער מענטש מתפלל זיין אַז ער זאָל געראַטעוועט ווערן פון אַלעם שלעכטן, אויך מוז דער מענטש געוואָרענט זיין אַז ער זאָל נישט דערמאַנען זיין נאָמען אין זיין תפלה, דאָס הייסט אַז ער זאָל נישט מתפלל זיין נאָר אויף זיך אַליין, נאָר ער זאָל מתפלל זיין אויף כלל ישראל, און זאָל זיך אַריינרעכענען צווישן אַלע אידן, ווייל ווען ער דערמאַנט זיין נאָמען, איז מען דעמאָלטס בודק אין הימל זיינע מעשים, צי ער איז ווערט אַז זיין תפלה זאָל אָנגענומען ווערן, און עס קען זיך דעמאָלט געפינען מקטריגים וואָס זיי זאָלן אים חס ושלום שעדיגן.

**ווען מען איז מתפלל זאָל מען נישט מתפלל זיין אויף זיך אַליין, נאָר זיך איינשליסן אין כלל ישראל.**

**יד. והביא,** דער זוהר הקדוש (דאָרט ע׳ ב) ברענגט דערצו אַ ראַיה, פון דעם וואָס אלישע הנביא האָט געזאָגט פאַר די שונמית (מלכים ב׳ - ד׳, י"ג) "הֲיֵשׁ לְדַבֶּר לָךְ אֶל הַמֶּלֶךְ" עפעס אַ זאַך צו בעטן פונעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, ווייל דער טאָג איז דעמאָלטס געווען ראש השנה, וואָס מען משפט אַלע מענטשן, "וַתֹּאמֶר בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יֹשָׁבֶת", האָט זי געזאָגט איך וויל נישט מען זאָל דערמאַנען מיין נאָמען אַליין אין די תפלה, נאָר איך וויל גע׳משפט ווערן צווישן מיין פאָלק, דאָס הייסט צווישן כלל ישראל.

**ווען אַ מענטש טראַכט כסדר וועגן זיין סוף, וועט ער מצליח זיין אין עבודת השם זוכה צו זיין לחיי עולם הבא**

**טו. וכל זה,** און דאָס אַלעס איז צו לאָזן וויסן אַז דער מענטש ווערט גע׳משפט געננוי אָפגעמאָסטן ווי אזוי ער פאַרדינט זיך, ווייל פאַר יעדער גוטער מעשה איז פאַרהאַנען אַ מליץ און צו יעדער עבירה איז פאַרהאַנען אַ מקטרג, וואויל איז דעם וואָס האָט זיין נשמה מער ליב פון זיין גוף, און מאַכט די וועלט פאַר אַ טפל, און יענער וועלט פאַר אַן עיקר, און יעדן טאָג קוקט ער און טראַכט וועגן זיין סוף, דאָס דער סוף פונעם מענטש איז צו שטאַרבן, און דעמאָלטס וועט ער מצליח זיין אין זיין תורה און אין זיינע מעשים טובים, ער זאָל צוקומען צו חיי עולם הבא אמן.

❖ ❖ ❖

# פרק ע״ב

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: אַז די שכינה רוהט אין אַ פלאַץ וואו קליינע קינדער לערנען תורה

**א. אמרו,** אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט (שבת קיט, ע״ב) ״כִּי עָלְמָא מִתְקַיֵּם עַל הֶבֶל פִּיהֶם שֶׁל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן״ די וועלט האָט נאָר אַ קיום פון וועגן דעם זכות וואָס די קליינע קינדער וואָס לערנען און דאַווענען ביי זייער רבי, און פון דאָ קענסטו פאַרשטיין ווי גרויס דער שכר איז פון די מלמדים וואָס לערנען מיט קינדער. און אויף יעדן אָרט וואָס קינדער לערנען ביי זייער רבי, רוהט דאָרט די שכינה.

## קליינע קינדער בשעתן לערנען שפּאַלטן הימלן

**ב. כדאיתא בזוהר,** אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר (זהר-חדש. דף לב, ע״א) רבי שמעון בן יוחאי איז געגאַנגען זעהן ווי די קליינע קינדער לערנען ביי זייער רבי, האָט ער געזאָגט איך גיי זעהן דעם שכינה, ווייל אַזוי איז געווען דער מנהג פון פרומע לייט בשעת זיי זענען געווען פריי פון אַ מלאָכה פלעגן זיי גיין צו די מלמדים וואָס לערנען מיט קליינע קינדער כדי צו מקבל זיין די פני השכינה, ווייל די שכינה רוהט ביי קליינע קינדער און באַשיצט אויף זיי מיט זייערע פליגל. און מיט דעם דאַמפּ וואָס גייט אַרויס פון דעם מויל פון קליינע קינדער בשעת זיי לערנען שפּאַלטן זיי הימלן, און השם יתברך איז זיך משמח מיט זיי.

## לימוד התורה פאַר קליינע קינדער זענען מציל די מלמד פון אַן עונש פון גהינם

**ג. על כן,** דעריבער מוזן די מלמדים וויסן אַז די שכינה רוהט ביי אים, און ער זאָל טאָן זיין מלאָכה מיט באַגלייבטקייט אָן

קיין פאַפּערייען, ווייל דאָס איז אַ מלאכת שמים, און ער זאָל זעהן אַז דאָס חדר וואו די קינדער לערנען, זאָל זיין ריין פון אַלערליי מיאוס׳קייטן, ווערט אין דיר מקוים ווערן (דברים כג,טו) ״וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ״ דיין מחנה זאָל זיין הייליג, ווייל דאָס ווערט גערופן אַ מחנה שכינה.

**ד. ואיתא**, און אין זהר חדש שטייט, רבי אלעזר דער זון פון רבי שמעון בן יוחאי האָט באַגעגנט אליהו, און אליהו האָט זיך צו אים באַוויזן אין דעם געשטאַלט פון אַן אַלטן מאַן, און אַ קליין קינד איז געגאַנגען פאַר אים, און רבי אלעזר האָט נישט געוואוסט אַז דאָס איז אליהו הנביא, זענען זיי געקומען פאַר אַ גרויסע וואַסער, האָט רבי אלעזר געזאָגט פאַרן אַלטן, גיב מיר דאָס קינד אויף איין אַקסל און דיר וועל איך נעמען אויפן אַנדערן אַקסל, און וועל דיר אַריבער טראָגן דעם וואַסער, האָט דער אַלטן צו אים געזאָגט דו ביסט נישט אַ מענטש וואָס האָט כח צו טראָגן ווייל דו ביסט אַ תלמיד חכם ווייל דיין כח איז שלאַף געוואָרן פון דעם לערנען, דעריבער וועסטו אונז נישט קענען אַריבער טראָגן איבער דעם וואַסער.

**ה. אמר לו**, האָט רבי אלעזר געזאָגט, דו אַלטער! דו אַלטער! איך האָב ברוך השם כח, און אויב איך וועל אייך נעמען מיט דעם קינד, מיט מיינע ביידע הענט וואָלט איך אייך אַריבער געטראָגן דעם וואַסער און נאָך אַ האַלבען מייל ווייטער פון דעם טייך, און דאָס וואָס איר זאָגט אַז תורה מאַכט שלאַף דעם כח פון דעם מענטש (סנהדרין כו, ע״ב), די תורה ווערט אָבער דאָך גערופן (משלי ג, ח) ״רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶּךָ״ אַ היילונג וועט זי זיין צו דיין נאָפּיל ״וּלְכָל בְּשָׂרוֹ מַרְפֵּא״ און צו זיין לייב איז זי אַן היילונג. איך האָב אויך געטרינקן פון דער תורה פיל צייט, אַזוי ווי איינער וואָס טרינקט דאָס געטראַנק פון רפואות, דעריבער האָב איך פיל כח ברוך השם, האָט רבי אלעזר זיי גענומען אויף זיינע אַקסלען און האָט זיי אַריבער געטראָגן, און האָט געזאָגט צום אַלטן, אַלטער מיין כח איז פיל אויף דער וועלט און אויף

יענער וועלט, און פון וועגן דעם דאָזיגן קינד וועל איך דיר נישט לאָזן און וועל נישט געבן קיין רשות צו דעם שר של גהינם אין דיר אָנרירן, און איך וועל דיר אַריין ברענגן אין גן עדן דורך אַ שטאַרקן קראַפט וואָס איך האָב דאָרטן. האָט דער אַלטער געזאָגט, עס איז אמת אַז דיין קראַפט איז זייער גרויס אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט און דו וועסט שיינען אַזוי ווי די זון שיינט.

## די חיוב פון מתפלל צו זיין אויף קליינע קינדער

**ו. ובהיות,** און ווייל דער שכר פון דעם לערנען וואָס די קינדער לערנען איז זייער גרויס און זיי טוען פיל גוטע פעולות און זענען מציל די אידן פון בייז אַזוי ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט (בראשית- רבה סה, כ) "הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב" (בראשית כז, כב) אין דער צייט וואָס דאָס קול פונעם לערנען פון די קינדער ווערן געהערט אין די בתי כנסיות און בתי מדרשות, איז מען נישט גוזר אויף אונז קיין גזירות רעות ח"ו. דעריבער דאַרפן מיר אויף די קינדער אויך מתפלל זיין און אויף די זייגענדיגע קינדער, אַז גאָט ברוך הוא זאָל זיי באַשיצן אין דעם שאָטן פון זיינע פליגלן און זאָל זיי היטן פון אַן עין הרע און פון אַלע קראַנקייטן און בייזע באַגעגענישן, און זיי זאָלן ניצול ווערן פון דער מיתה פון אַסכרה.

## דער סדר היום ווען מען פירט דאָס קינד אין חדר

**ז. ובהגיע,** און אַז עס קומט די צייט אַז דער פאָטער זאָל געבן דאָס קינד אין חדר אַריין, זאָל דער פאָטער אויף שטיין גאַנץ פרי און זאָל אויף וועקן דאָס קינד און זאָל אים אַליין פירן אין חדר אַריין, אַפילו ווען דער פאָטער איז אַן אַלטן מאַן אָדער אַ פרנס אָדער אַ רב, זאָל ער פאָרט אַליין פירן דאָס ערשטע מאָל אין חדר אַריין, און ער זאָל זיך נישט שעמען. און ער זאָל אָפּ געבן אַ שבח והודיה צו גאָט ברוך הוא וואָס ער האָט אים מזכה געווען זיין זון אַריין צו ברענגן אונטער די פליגל פונעם שכינה.

## דער פאָטער און די מוטער זאָלן צודעקן דאָס קינד ער זאָל נישט זעהן קיין טמא'נע זאַכן

און דער פאָטער און די מוטער זענען מחויב צו באַדעקן דאָס קינד אונטער זייערע קליידער בשעת זיי וועלן אים פירן, כדי דאָס קינד זאָל נישט קוקן אויף דעם וועג קיין שום טמא'נע זאך.

**ח. ואחר**, און נאָך דעם וואָס זיי האָבן געברענגט דאָס קינד צום מלמד אין זיין הויז אַריין, זאָל דער פאָטער געבן דאָס קינד אין דעם שויס פונעם מלמד, און זאָל ברענגן דעם טאָוול וואָס דער אַלף בית איז דער אויף געשריבן, און דער מלמד זאָל פאָר ליינען פאַרן קינד א'ב'ג'ד'ה'ו' וכו' און דער נאָך תשר"ק צפע"ס נמל"ך יטח"ז והדגב"א, און דאָס קינד זאָל נאָך זאָגן דעם מלמד יעדן אות. דער נאָך זאָל מיט אים דער מלמד זאָגן דעם פסוק "תּוֹרָה צִוָּה לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה" און דער נאָך דעם ערשטן פסוק פון ויקרא און דאָס קינד זאָל אים נאָך זאָגן יעדעס וואָרט.

## נאָכן תענית זאָל ער מאַכן אַ סעודה פאַר אָרימעלייט און געבן צדקה לויט ווי פיהל ער פאַרמאגט

**ט. ואחר כך**, און נאָך דעם זאָל ער אים געבן אַביסיל האָניג אויפן טאָוול וואו דער אַלף בית איז אויס געשריבן, און דאָס קינד זאָל אפלעקן דעם האָניג פונעם אותיות. דער נאָך זאָל דער פאָטער אַהיים נעמען דאָס קינד, און זאָל אים אויך גוט צודעקן, אויף דעם וועג כדי דאָס קינד זאָל נישט זעהן קיין טמא'נע זאַך, און עס איז גוט אַז דעם טאָג זאָל קיין שום אשה נדה נישט אָן רירן דעם קינד. דעריבער איז רעכט אַז דער פאָטער און מוטער זאָלן דעם טאָג פאַסטן און זאָלן מתפלל זיין צו גאָט אז דאָס קינד זאָל זיין באַגליקט אין דער תורה און אין יראַת שמים און זאָל דערצויגן ווערן אויף לאַנגע יאָר. און אויף דער נאַכט נאָכן תענית זאָל ער מאַכן אַ סעודה פאַר אָרימעלייט און צדקה

געבן לויט ווי פיהל ער פאַרמאגט און דעמאָלטס קען דער פאָטער זיכער זיין אַז גאָטס פאָרכט וועט זיין אויף דעם קינד.

## דער שכר פון דער וואָס ערציט אַ יתום ביי זיך אינדערהיים

**י. ומה מאוד,** און ווי גרויס איז דער שכר פון די מענטשן וואָס האָבן נישט קיין קינדער, און נעמען אַ יתום און זענען אים מגדל, און זענען אויף אים משגיח צו פירן אויף די ריכטיגע וועג גלייך ווי זיין קינד, און אויב ער האָט די יכולת צו מאַכן זיצן לומדי תורה אין זיין הויז, כדי זיין הויז זאָל פול זיין מיט תורה, און זיי מפרנס צו זיין איז בוודאַי וואויל צו אים און זיין חלק. און אַזוי געפונען מיר ביי רש״י זכרונם לברכה וואָס, ער איז פאַרטריבן געוואָרן אין גלות וואָס מען האָט פון צרפת אַרויס געטריבן אַלע אידן, איז ער אַמאָל איינגעשטאַנען ביי אַן עושר וואָס ער איז געווען אַ פרנס, האָט דער פרנס אים זייער געבעטן ער זאָל זיך פאַרזוימען ביי אים, און זאָל תורה לערנען, און ווייל דער פרנס האָט אים זייער געבעטן דער אויף, דעריבער האָט רש״י מחבר געווען אַ ספר און האָט עס אַ נאָמען געגעבן ספר הפרנס, און די כונה פון רש״י איז געווען גרויס צו מאַכן און מכבד זיין די וואָס זענען גומל חסד כדי זיי זאָלן גומל חסד זיין.

**יא. ואשרי,** און וואויל איז דעם מענטש וואָס וועלט זיך אויס אַן אָרט אין זיין הויז אויף צו לערנען, ווייל גאָט ברוך הוא איז געווענטליך אין דעם הויז וואָס מען לערנט דאָרט תורה, און אַז משיח וועט קומען וועלן איינגעזאַמלט ווערן אַלע שוהלן און אַלע בתי מדרשים קיין ארץ ישראל אָמֵן.

❖ ❖ ❖

## הוספה לפרק עב

## דער הייליגער באַרדיטשעווער מיטן הייליגן רבי מענדעלע וויטעבסקער מיטן בעל התניא זי״ע זענען זיך מוסר נפש צו ראַטעווען אַ יתום מיט אַ יתומה

**די הייליגע** תלמידי הבעל-שם-טוב האָבן כידוע פיל עוסק געווען אין אַרויסהעלפן צובראָכענע אידן מיט עצות און גוטע מעשים, טרעפן פאַר זיי די ריכטיגע זיווגים און אַרומגיין קלויבן געלט פאַר הכנסת כלה, אויפהאָדעווען יתומים און העלפן אלמנות זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקייט חתונה צו מאַכן מיט אַ רואיג געמיט, און דאָס האָבן די צדיקים געטאָן מיט מסירת נפש. זיך אַוועקגעגעבן אינגאַנצן מיט צייט און כח, געלט און מיה, אַלעס פאַר אידנ׳ס וועגן, אויפצולייכטן זייערע הערצער. זיי צו דערפרייען זיי זאָלן קענען דינען השם יתברך מיט פרייד און מיט די גאַנצע האַרץ, אויפצובויען אַ בית נאמן בישראל לה׳ ולתורתו.

**צווישן** די אַלע דערהויבענע מעשים נוראים ווערט דערציילט אַ וואונדערבאַרע מעשה וואָס האָט פּאַסירט ביי די הייליגע צדיקים, די תלמידי בעל שם טוב הק׳ זי״ע ומעשה שהי׳ כך הי׳:

ס׳איז געווען אין אַ שטאָט אַ יתום און יתומה וואָס זענען שוין געווען אין די יאָרן פון שידוכים, און די טובי העיר האָבן געטאָן וועגן דעם מ׳זאָל זיי פאַר׳שדכ׳נען, דער הייליגער באַרדיטשעווער זצ״ל מיט זיין גרויס סבלנות און ווייך האַרץ האָט דורכגעפירט דעם שידוך, און הרה״ק ר׳ מענדעלע וויטעבסקער זצ״ל, דער גרויסער תקיף, האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צוזאַמענשטעלן דאָס געלט פון אַלע בעלי בתים פון שטאָט. יעדער זאָל זיך באַטייליגן אין די גרויסע מצוה פון הכנסת כלה פאַר דעם יתום ויתומה, זיי זאָלן האָבן אַלעס וואָס זיי דאַרפן.

אין אַ גוטע שעה, דער שידוך איז שוין פאַרטיג און מ׳האָט שוין אָפּ געשטימט דעם זמן החתונה אין אַ מזל׳דיגע שעה, און ס׳איז ב״ה אָנגעקומען דער טאָג צו פירן די צוויי יתומים, חתן-כלה, אונטער די חופה.

**מיט אַ מאָל** האָט פּאַסירט אַ שרעקליכע געשיכטע אין שטאָט. גאַנץ פּאַרטאָגס האָבן זיך אַריינגעשאַרט אין די שטאט די טרויעריג באַוואוסטע קינדער כאַפּער, די רשעי ישראל וואָס האָבן געטאָן די שמוציגע אַרבעט פאַר די פאַרשאָלטענע רוסישע מלוכה, אַוועקצורייסן אידישע קינדער פון זייערע היימען און זיי איבערגעבן פאַר׳ן מיליטער זיי זאָלן ווערן סאָלדאַטן פאַר די רוסישע אַרמיי. די קינדער האָבן דאָרט געמוזט פאַרבלייבן 25 יאָר אין דינסט ביז ס׳איז פון זיי נעבעך נישט געבליבן קיין שום אידישער פונק אין האַרץ.

**אין די שטאָט** איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה, יעדער איז געלאָפן שנעל באַהאַלטן זייערע קינדער אויף די בוידעמער און די קעלערס, אָדער בליץ שנעל אַנטלאָפן מיט זיי אַרויס פון די שטאָט. מ׳האָט דאָס אָרגאַניזירט אַזוי געשיקט און פלינק אַז די כאַפּער איז נישט געלונגען צו לייגען אַ האַנט, נאָר אויף איין קינד, אַ יתום. דער בחור החתן וואָס מ׳דאַרף היינט פירן אונטער די חופה. וואָס ווייל ער איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט די הכנות צו די חתונה, איז אים נישט געלונגען צו אַנטלויפן און ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן אין זייער געפענגעניש, און תיכף איבערגעגעבן געוואָרן צו די פירער פונעם רוסישן מיליטער. די שלעכטע ביטערע בשורה האָט זיך שנעל פאַרשפרייט אין די שטאָט. אַלע האָבן אויסגעבראָכן מיט גרויס געוויין און יאָמער פון גרויס צער. ס׳איז געוואָרן אַ שרעקליכע מהומה. מ׳איז געווען אינגאַנצן פאַרלוירן, וואָס קען מען דאָ טאָן?

**ביני לביני** איז מען דערגאַנגען אַז מ׳האָט דעם חתן שוין איבערגעגעבן צו די אַרכינגלאסק, דער זאַמעל פונקט פון

אַלע פאַרכאַפּטע קינדער, וואָס דאָרט ווערן זיי אויסגעשטעלט און צוגעגרייט מיט אַלע שטרענגסטע באַפעלן, וואָס פון דאָרט קומט שוין קיינער נישט צוריק. און אויב ווער וואַגט זיך נאָר צו גיין שתדל׳ען פאַר זיי מיט אויסלייז געלט, קען מען פאַר אַזאַ שריט אַליין פאַר׳משפט ווערן מ׳זאָל פאַרשיקט ווערן קיין סיביר אויפ׳ן גאַנצען לעבן. נאָך האַרבער פון דעם איז דער עונש אויב איינער פרובירט אונטערקויפן דעם קאָמאַנדיר פון די מיליטער, דעמאָלטס איז אחת דתו להמית, ער ווערט תיכף געשאָסן אויף טויט.

**די גאַנצע שטאָט** האָט געקלאָגט און געיאָמערט אַ חוץ איינער. דאָס איז געווען הרה״ק רבי מענדעלע וויטעבסקער זצ״ל. וויבאַלד ער האָט געהערט וואָס ס׳האָט פאַסירט, איז ער שנעל געלאָפן צום הויז פון די כלה, און מיט איין אָטעם געגעבן אַ געשריי: ״טאָכטער טייערע, שרעק זיך נישט! נאָך היינטיגען טאָג וועט דיין חתן באַפרייט ווערן. באַרואיגט אייך, שטאַרקט אייך און זייט גרייט מקבל צו זיין פני החתן. נאָך היינט צו טאָג קומט דער חתן צוריק און איר וועט זיך זען מיט אים. איך שווער אייך מיט מיין עהרן וואָרט, ס׳איז אויף מיין אחריות״.

**ווי די כלה** האָט דערהערט פון צדיק אַזוינע קלאָרע דיבורים, איז זי צוביסלעך געקומען צו זיך און האָט זיך באַרואיגט. די הייליגע רייד האָט איר געגעבן גרויס האָפענונג אַז ס׳וועט אַזוי געשען. אָבער די אַרומיגע זענען געשטאַנען פאַרציטערט מיט גרויס פחד, ווער ווייסט וואָס דער רבי גייט דאָ טאָן, אין וואָס פאַר אַ סכנה ער שטעלט זיך אַריין? הלוואַי רבש״ע זאָל דאָס נישט זיין קיין דברים בטלים ח״ו. רבי ר׳ מענדעלע איז פון דאָרט באַלד געלאָפן צום שר הצבא, דער הויפּט פון מיליטער, זיך איינגעשטעלט זיין לעבן אין סכנה, מיט איין בקשה צום בורא כל העולמים ס׳זאָל זיין אַן עת רצון. ער זאָל נושא חן זיין אין די אויגן פון דעם רשע, ער זאָל האָבן די ריכטיגע דיבורים צו דערוועקן זיין רחמנות און באַפרייען דעם חתן.

**נסי נסים** האָט פּאַסירט אויפ׳ן גאַנצען וועג. די שרעקעדיגע הינט האָבן נישט געבילט, די שומרים וואָס זענען געשטאַנען אויסגעשטאַט אַרום דעם פּאַלאַץ פון דעם גענעראַל זענען געוואָרן געלעמט און פאַרקלאָצט, זיי האָבן אים גאָרנישט געשטערט ביים דורכגיין די אַלע טויערן אַריינצוקומען ביז אינעווייניג אינעם פּאַלאַץ. און אַזוי האָט רבי ר׳ מענדעלע אַרומשפּאַצירט פון איין צימער צום צווייטן ביז ער איז אָנגעקומען צום צימער וואו דער גענעראַל איז געלעגן אויסגעשטרעקט אויפ׳ן דיוואַן פאַר׳שיכור׳ט און פאַרכראָפּעט. ווי ער האָט אים פּלוצים באַמערקט, האָט זיך דער שיכור צושריגען: פאַרשאָלטענער זשיד, וואָס זוכסטו ביי מיר אין הויז? און די אויגן פול מיט רציחה, שטוינט פאַרגאַפט ווי אַזוי האָט זיך דער אידל דאָ אַריינגע׳גנב׳ט.

**רבי ר׳ מענדעלע** ווערט נישט פאַרלוירן, און נעמט דאָס וואָרט: כ׳בין געקומען בעטן דעם געעהרטן האַר איר זאָלט באַפרייען דעם יונג וואָס מ׳האָט איבערגעגעבן אין אייערע הענט. דער בחור איז אַ יתום, היינט איז דער טאָג פון זיין חתונה, לייגט אויף מיר אַרויף וויפיל געלט ס׳גלוסט אייך אָן, זאָל קאָסטן וואָס קאָסט, נאָר גיט מיר אַרויס דער בחור. נאָך היינטיגען טאָג זאָל ער באַפרייט ווערן.

**דער קאָמאַנדיר** האָט געברענט פאַר כעס, און צושרייט זיך אויף אים מיט קולות: ״דו פאַרשאָלטענער זשיד, ביסט פאַר׳משפּט צום טויט! מיט פייערדיגע ריטן וועל איך אַראָפּ רייסן די הויט פון דיר! דיין פלייש וועל איך וואַרפן צו די הינט! ווי אַזוי וואַגסטו זיך אַזאַ פאַרשעמטער איד צו ווען אונטערקויפן אַ רוסישן גענעראַל? מיט געלט ווילסטו מיך אונטערקויפן? מיט דריי טויזענט רוסישע רובל...?״

**אויפאַמאָל**, אינמיטן שרייען, האָט ער זיך איינגעשטילט. די שטימע

איז אים געוואָרן פאַרהאַקט, דאָס בלוט איז אים אַרויף אין פּנים ווי ער האַלט זיך ביים שטיקן, און דערנעבן שטייט רבי ר' מענדעלע אומדערשראָקן פול מיט בטחון אין השם יתברך. דער רשע זאָל באַקומען רחמנות און אים אַרויסגעבן דעם חתן, שלוחי מצוה אינן ניזוקין. און אויב חס ושלום איז עס אַ גזירה פון הימל, איז ער זיך גרייט מוסר נפש צו זיין פאַר די מצוה פון פדיון שבוים, אומצוקומען אויף קידוש השם. ער האָט דערהערט די צוויי ווערטער "דריי טויזענט", האָט זיך אין אים דערוועקט אַ נייער האָפענונג, כולי האי ואולי.

**דער קאָמאַנדיר** האָט אַביסל נאָכגעלאָזט פונעם כעס, צוריקגעקומען צום וואָרט, און גיט אים אַ זאָג:

דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער ליגט ביי אייך אין די הענט, פאַרשאָלטענע זשידאָקעס. וועגן דעם איז אונזער קאַסע ליידיג. כ'פאַרמאָג נישט קיין פרוטה אחת. מיינ'ס אַ חבר וואָס דאַרף זיך מיט מיר טיילן פון וואָס ער לקח'נט פון קעניגליכן אוצר, האַלט אַלעס פאַר זיך און איך בין אויסגעזעקלט, און ביי אייך אידעלעך ליגט באַהאַלטן פאַרמעגנס מיט געלט. דו וועסט מיר צושטעלן אַ דריי טויזענט געשמאַלצענע רובל! נישט דריי, נאָר פינף! ס'איז גאָרנישט ביי אייך דאָס צוזאַמענשטעלן. באַקומסט אַרויס דעם שמוציגן יונג, מיר דאַרפן נישט אַזוינע פאַראַזיטן צווישן אונזערע אויסגעשולטע סאָלדאַטן! גיי, לויף אייל זיך צו און ברענג אַהער דאָס געלט נאך היינטיגען טאָג. אָבער, אויב נישט, איז אָך און וויי צו דיר. דעם יונג וועסטו קיינמאָל מער נישט זען פאַר די אויגען, און דו וועסט ווערן אַ טויטער פאַר אַזאַ חוצפה צו פאַרשעמען אַ רוסישן קאָמענדאַנט.

**דער רבי** ר' מענדעלע האָט זיך צושריגען מיט גרויס פרייד: "איך ברענג! נאָך היינט ברענג איך דאָס געלט, און בליץ שנעל געהויבן פיס און געלאָפן מיט'ן גאַנצען כח אין שטאָט אַריין צום אידישן קוואַרטאַל.

**מיט איין** אָטעם איז ער אַריינגעלאָפן אין בית המדרש וואו ס׳איז געווען געפּאַקט מיט אידן איינגעהילט בתפלה ותחנונים, ער שטופּט זיך אַרויף און גייט גלייך צום הייליגען באַרדיטשובער ז״ל, וועלכער האָט געהאַלטן אינמיטן איינרייסן וועלטן מיט זיינע תפלות ובקשות, און גיט אַ געשריי: ״לוי יצחק, די ישועה איז נאנט. ס׳איז יעצט נישט קיין צייט צום דאַווענען, מ׳דאַרף נאָך היינט פאַרשאַפן דעם אומגעהוירן סכום פון 5000 רובל, קום לאָמיר גיין אינאיינעם פון הויז צו הויז און צוזאַמענזאַמלען דאָס געלט פאר פדיון שבוים.

**מיר האָבן** דאָ אין שטאָט מיט אונז ר׳ שניאור זלמן, (הגה״ק בעל התניא זצ״ל), לאָמיר אים אַריינעמען אין די אַרבעט און גיין אינאיינעם פון טיר צו טיר, אָנזאַמלען דעם סכום וואָס מ׳דאַרף האָבן. מ׳דאַרף יעדן אויפפאָדערן פאַר אַזאַ גרויסע מצוה יותר מכפי יכולתם. שניאור זלמן׳ס כח און השפעה איז זייער גרויס, אַז מיר וועלן אַרומגיין אַלע דריי אינאיינעם האָף איך אַז מ׳וועט קענען דערוועקן דאָס האַרץ פון אחינו בני ישראל זיי זאָלן צושטעלן דעם גאַנצען סכום״. די צוויי צדיקים זענען געקומען צום בעל התניא און מ׳האָט אים פאָרגעשטעלט דעם מצב, און אים געזאָגט אַז מ׳דאַרף זיין הילף. ער זאָל מיטקומען מיט זיי נאָך געלט פאַר אַזאַ געוואַלדיגע מצוה, און מ׳מוז שוין אָנהייבן.

**דער תניא** הערט זיי אויס, און זאָגט: כ׳בין מוכן ומזומן זיך צושטעלן צו עוסק זיין אין פדיון שבוים, נאָר כ׳נעם זיך אויס איין תנאי, אַז אויב ס׳וועט זיך מאַכן חילוקי דיעות צו וועמען יאָ צו גיין אָדער נישט, וואו צו גיין קודם, וויפיל צו פאַרלאַנגען און ווען מ׳דאַרף שוין אָפּ ציען, ביי די אַלע דיפערענצן זאָל איך האָבן דאָס לעצטע וואָרט. ווי אַזוי איך וועל באַשליסן דאָס וועט איר פאָלגען. זענט איר מסכים צו דעם תנאי, בין איך אַ שותף, און אַז נישט, לא ירד בני עמכם, איז נישט! די ווערטער פונעם תניא איז ביי זיי געווען אַ גרויס וואונדער, וואָס דאָס קען מיינען? אָבער קיין צייט צו טראַכטן

איז נישטאָ. געוויס האָט ער אַ גוטע כוונה, וואָס קען שוין דאָ געשען? און זיי האָבן ביידע מסכים געווען צו דעם תנאי, און זיי זאָגען אים: קום לאָמיר אָנהייבן גיין. רופט זיך אָן דער בעל התניא: פאַר אַלעם לאָמיר זיך אַראָפּ זעצן מאַכן אַ רשימה פון די פאַרמעגליכע בעלי בתים, וויסן צו וועמען זיך צו ווענדן, וואו גייט מען קודם.

**וואָס הייסט?** פרעגן זיי ביידע, מ׳דאַרף גיין פון הויז צו הויז, וואו נאָר ס׳איז דאָ אַ מזוזה אויף די טיר. יעדער דאַרף נעמען אַ חלק אין די מצוה, קיינער קען זיך דאָ נישט פּטר׳ן, צו וואָס פעלט אויס אַ רשימה? רופט זיך אָן דער תניא: מיין מיינונג איז נישט אַזוי. מ׳האָט אָפּ געמאַכט מיך צו האָרכן. קיין צייט צו פאַרהאַנדלען איז נישטאָ, האָט מען בלית ברירה מסכים געווען, מ׳האָט זיך צוזאַמענגעזעצט איבערגיין אַלע נעמען פון די שטאָטישע אידן, יעדער איז פאַרצייכענט געוואָרן, אפילו די עניים ואביונים, מ׳איז גרייט געווען צו נעמען פונעם עולם אפילו די קידושין רינגלעך, ווייל אַז נישט וועט נישט קלעקן דאָס גאַנצע שטאָט׳ס געלט צו קענען צוזאַמענשטעלן אַזאַ סכום.

**ווען ס׳איז** פאַרטיג געווען די רשימה, האָט דאָס דער תניא דורכגעקוקט, און רופט זיך אָן: ס׳פעלט נאָך איינער פונעם צעטיל וואָס מ׳האָט אַרויסגעלאָזט, און דעם נאָמען דאַרף מען צושטעלן נישט פון אונטן, נאָר פון אויבן. דער ערשטער אויף די רשימה. ווער איז דער יעניגער פאַרשוין וואָס זיין נאָמען איז נישט געווען פאַרצייכענט אין די רשימה? וועלן מיר אייך דערציילען! דער מענטש האָט מיט יאָרן פריערגעהייסן ״וועלוול דאָרפס-גייער״. ער פלעגט אַרומגיין אין דערפלעך זיין אַ קונה הכל און פאַרקויפט וואָס לאָזט זיך. אַ כל בו-ניק. מיט די צייט איז ער געוואָרן אַן עושר אדיר און איז נעבעך אינגאַנצן אַראָפּ פון אידישן וועג. ער האָט זיך אָנגעטאָן ווי אַ גוי און זיך געפירט ווי אַ גוי, דעם נאָמען האָט ער זיך געטוישט אויף ״וואָצעק״, ער האָט זיך אינגאַנצן דערווייטערט פונעם אידישן

קוואַרטל און זיך אויפגעבויעט אַ פּאַלאַץ צווישן די רוסיניאַקעס אין שכינות פון גרויסן רשע דער רוסישער גענעראַל וואָס האָט קאָמאַנדעוועט איבער די געכאַפּטע קינדער.

**דרייסיג יאָר** איז שוין אַדורך וואָס קיין שום איד טרעט נישט אַריין צו אים אין שטוב. מ׳האָט נישט געקענט פון אים אַרויסבאַקומען מער פון איין איינציגען גרייצער, וואָס דער עושר האָט אַלץ געהאַט ביי זיך אין טאַש. אַן אַלט אָפּ געשמילט קופּערנעם פּיאַסטער, און מ׳האָט מיט אים אינגאַנצען אָפּ געהאַקט און געקוקט אויף אים ווי אַ פּאָלנער רוסיאַניק. אָט דעם מה יעשה׳ניק האָט דער תניא געהייסן דעם באַרדיטשעווער צולייגען צום שפּיץ פון די רשימה. קיין צייט צו וויכוחים איז נישט געווען, ס׳איז זיי טאַקע געווען אַ גרויס וואונדער אָבער קיין ברירה איז נישטאָ. מ׳האָט זיך דאָך אַזוי אויסגענומען, האָט מען אָנגענומען זיין פאַרלאַנג. דער קדושת לוי האָט צוגעשטעלט דעם נאָמען פון ״וואָצעק דער עושר״ אין די רשימה, און האָט אים געגעבן דעם אויבן אָן, דער ערשטער אויפ׳ן צעטיל ווי דער תניא האָט פאַרלאַנגט.

**די הייליגע** דריי צדיקים, רבי ר׳ מענדעלע וויטעבסקער, דער קדושת לוי און דער תניא הייבן אָן די מערכה, און גייען אַרויס נאָך געלט פאַר די גרויסע מצוה פדיון שבוים. יעדע מינוט איז טייער, מ׳דאַרף נאָך אין דעם איינעם טאָג פאַרשאַפן דעם געוואָלדיגען סכום פון 5000 רובל אַרויסצוראַטעווען דעם חתן דער יתום פון געפענגעניש, און דאָס ערשטע, זאָגט דער תניא, שטעלט מען זיך אָפּ ביי אָט דעם גרויסן עושר, ״וואָצעק״. און ער זאָגט זיי אָן פון פאָראויס, מ׳זאָל צונעמען וואָס ער גיט און זיך נישט דינגען מיט אים. מ׳שפּרייזט אַהין צום גרויסן פּאַלאַץ פון אַמאָליגען וועלוול, דער גרויסער פּריץ ״וואָצעק״, דער שומר הפתח דערזעט פאַר זיך אַזוינע דערהויבענע אידן. ס׳כאַפּט אים אָן אַ פּחד, ער עפענט אויף פאַר זיי אַלע טויערן, און זיי זאָגען אים: ס׳איז פּיקוח נפש. מ׳מוז זיך שוין

טרעפן מיט׳ן בעל הבית. זיי קומען אַריין צו אים אין שטוב, און דער עושר שטייט אינגאַנצען פאַרוואונדערט וואָס דאָ איז געשען.

**די דריי צדיקים** קוקן איינער אויפ׳ן אַנדערן, און ענדליך נעמט ר׳ שניאור זלמן דאָס וואָרט. ער דערציילט וואָצעק׳ן די טראַגעדיע וואָס האָט היינט פאַסירט דאָ אין שטאָט, ער האָט אים געשילדערט ווי די כלה - אַ קיילעכדיגע יתומה נעבעך - איז אַזוי פאַרקלעמט פון בושה, שוין אַ מיידל היבש אין די יאָרן, ווער וועט זיך נאָך אַמאָל אומקוקן אויף איר? זי קלאָגט און יאָמערט אַז ס׳איז אַ צער... וכו׳ וכו׳. וואָצעק ווערט באַגרייסטערט פון רחמנות, די אויגען ווערן אים באַנעצט, און ער ענטפערט: ״אַוודאי, אַזאַ חשוב׳ע מצוה, הכנסת כלה צוזאַמען מיט פדיון שבוים... וואָס הייסט? געוויס וויל איך זיך באַטייליגען!״ וואָצעק גייט צו און שליסט אויף די שווערע אייזערנע קאַסע, נעמט עפּעס אַרויס, און דערלאַנגט עס אַהין פאַר׳ן עלטסטן פון די דעלעגאַציע. רבי מענדעלע וויטעבסקער ז״ל... רבי מענדעלע טוט אַ בליק, און ס׳ווערט אים פינסטער פאַר די אויגען, אַן אַלטער פאַרזשאַווערטער קופּערנער גרייצער! און וויל עס נאָר צוריקוואַרפן דעם לאָבוס אין זיין אומפאַרשעמטן פנים אַריין!

**גיט דער** בעל התניא שנעל אַ כאַפּ צו דעם גרייצער פון רבי ר׳ מענדעלע, און זאָגט צום בעל הבית: יישר כוחכם, תזכה למצוות. און וואונקט די חברים זיי זאָלן חלילה זיך גאָרנישט אָנרופן, נאָר שוין הייבן פיס און מ׳גייט אַרויס. מ׳האָט נאָר וואָס אַרויסגעטרעטן פונעם חצר, און וועלוול לויפט זיי נאָך און שרייט: רבותי, זייטס מיר מוחל, ס׳איז דאָך פקוח נפשות און איך טרוי זיך מיט אַזאַ קליינע מטבע? קומט צוריק. ער עפענט אויף נאָכאַמאָל די קאַסע און נעמט אַרויס אַ פּאָר רויטע רובל, גיט זיי דאָס געלט און זאָגט: זאָל די נדבה זיין אַ כפרה פאַר מיינע עבירות. דער תניא ענטפערט אמן, יישר כוחכם תזכה למצוות, און וואונקט מ׳זאָל באַלד אַרויסגיין.

**קוים וואָס** די צדיקים האָבן אַרויסגע טרעטן פון הויז, מ׳הייבט אָן גיין, און מ׳הערט שוין ווייטער קולות: רבותי! וועלוול לויפט זיי נאָך און שרייט און וויינט, אַזאַ נידעריגער ווי איך, ווי פאַרשעמט איך בין, זיינט מיר אמת׳דיג מוחל, שוין דרייסיג יאָר וואָס כ׳בין אָפּ געריסן פון אידישקייט, אַזאַ געמיינער יונג, און דאָ קומט מען נאָך געלט פאַר אַזאַ גרויסע מצוה, ווי קען איך זיין אַזאַ אכזר שוין דאָס צווייטע מאָל? קומט צוריק, איך וויל זיך באַטייליגען מיט אַ סכום הגון. זענען זיי צוריק אַרויף צו אים אין שטוב, ער נעמט אַרויס אַ פופציגער רובעל און גיט עס. דער תניא נעמט שנעל צו דאָס געלט, זאָגט, יישר כוחכם תזכה למצוות, און וואונקט מ׳זאָל גאָרנישט ענטפערן נאָר תיכף אַרויסגיין. אַזוי האָט זיך דאָס איבערגע׳חזר׳ט איבער צען מאָל. מ׳איז אַרויס און ער האָט אַלץ צוריקגערופן און מוסיף געווען אַלס אַ גרעסערן סכום.

**די הייליגע** צדיקים רעדן נישט קיין וואָרט, ס׳ברענט די הויט, יעדע מינוט איז אַזוי טייער, און דאָ שלעפּט זיי דער וואָצעק אַריין און אַרויס און ביי יעדעס מאָל וואַרפט ער צו נאָך אַ פּאָר רייניש. ס׳נעמט נישט קיין עק. מיט איינגעהאַלטענע כוחות פלאַצט נישט דאָס געדולד, ס׳איז אָבער נישטאָ קיין ברירה. זיי האָבן דאָך צוגעזאָגט דעם בעל התניא אָנצונעמען זיין באַשלוס, אַ וואָרט איז אַ וואָרט.

**ואחרי ככלות הכל,** נאָך אַזויפיל באַוויינען זיין מצב ווי ווייט ער איז נעבעך פאַרקראָכן פון אידישן וועג, איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן זיין חרטה אויף זיינע עבירות און איז מקבל אויף זיך אַן אמת׳דיגע תשובה, האָט דער פרישער איד ר׳ וועלוול, דער פריערדיגער וואָצעק, גענומען אויף זיך אויסצוצאָלען דעם גאַנצען באַטראַג. דעם אומגעהויערן סכום פון 5000 רובל! צו קענען אויסלייזען דעם יתום דער חתן וואָס ליגט געפאַנגען ביי די רוסן.

ער האָט זיי געעפענט דעם אוצר, אויסגעציילט דאָס גאַנצע געלט און זיך געבעטן ביי זיי זאָלן נעמען נאָך מער, ס׳זאָל זיין אַ כפרה פאַר זיינע עבירות, אָבער מער פון דעם סכום האָבן זיי נישט גענומען. נאָר רבי ר׳ מענדעלע וויטעבסקער האָט אים מבטיח געווען אַז יעדעס מאָל ווען מ׳וועט זיין זאַמלען געלט פאַר אַ דבר מצוה, וועט מען אַלץ אָנהייבן ביי אים. ער וועט זיין דער ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, אַזוי ווי ביי די גרויסע מצוה.

**דער גרויסער** אידישער פריץ ר׳ וועלוול האָט זיי אַרויסבאַגלייט צום טויער, דאָ האָט זיי רבי ר׳ מענדעלע אָפּ געשטעלט און געזאָגט צום קדושת לוי מיט׳ן תניא, איך דאַרף שוין לויפן דאָ אין שכינות צום רוסישן קאָמאַנדיר, איר גייט צוריק און וואַרט מיר אויס, זייט שטאַרק מתפלל צום רבוש״ע כ׳זאָל מצליח זיין אַרויסצובאַקומען דעם חתן, מ׳זאָל אים נאָך היינט קענען פירן אונטער די חופה בשעה טובה ומוצלחת.

**רבי ר׳ מענדעלע** קומט אַריין צום גענעראַל און גיט אַ געשריי מיט איין שמחה: כ׳האָב אַלעס געברענגט, אַזוי ווי דו האָסט געהייסן! ״דער גענעראַל האָט שוין לאַנג געוואַרט אויף די גוטע מינוט, און ענטפערט אים גלייך: איצט וועסטו זיין איבערצייגט אַז אַ רוסישער קאָמענדאַנט האַלט וואָרט: ער האָט גלייך געהייסן דעם משרת שוין ברענגען דעם ״פאַרקריפּלטן יונג״ וואָס די כאַפּער האָבן היינט געברענגט! און זיך שטאַרק אָנגעבייזערט אויף די חוצפה פון די כאַפּ ער אַריינצונאַרן אַזאַ קראַנקן בחור וואָס ״הינקט אויףביידע פיס״, ווער דאַרף דען האָבן אַזאַ פאַרקריפּלטן סאָלדאַט אין אונזער מיליטער און האָט זיך צושריגען פאַר אַלע אַרומיגע: זיי וועלן נאָך פאַר׳משפט ווערן פאַר׳ן וועלן אַרויסנאַרן פון די קעניגליכע קאַסע אַ רויטן רובל וואָס די כאַפּער באַקומען באַצאָלט פאַר זייער אַרבייט. מ׳האָט געברענגט דעם ״קראַנקן בחור, פאַר׳ן שר, ער האָט אויפ׳ן אָרט אויסגעשריבן אים אַ שטר שחרור אַז ער איז באַפרייט פון מיליטער כל

ימי חייו, האָט דאָס פאַרזיגעלט און דעם יתום איבערגעגעבן אין די הענט פון רבי ר׳ מענדעלע. מען האָט זיי פאַרטריבן און מיט איין אָטעם איז ער געלאָפן מיט אים צום הייליגען באַרדיטשעווער מיט׳ן תניא. זיי האָבן אויסגעשריגען בקול גדול: הודו לה׳ כי טוב כי לעולם חסדו! נאָך אין די זעלבע נאַכט איז געפייערט געוואָרן די גרויסע חתונה. די גאַנצע שטאָט האָט זיך באַטייליגט בתופים ובמחולות. די שמחה איז געווען אין לשער פאַר די גרויסע חסדים פון בורא כל העולמים, די נסים ונפלאות וואָס האָט פאַסירט אין דעם טאָג, פדיון שבויים אינאיינעם מיט הכנסת כלה, זי״ע ועכ״י

❖ ❖ ❖